בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

## סעודה שלישית פרשת

# שמיני תשי"ג

**זֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ**

• ביאור מה שהוצרך הקב"ה להראות למשה כל מין הטהור והטמא • ביאור למה נתקשה משה בכמה מִצְוֹת ונמסרו לו בבחינת כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ • ביאור ענין "תַּרְנְגוֹלְתָּא דְּאַגְמָא" שחכמי ישראל לא טעו בזה • כמה סימני טומאה וטהרה ישתנו לעתיד, כמו חֲזִיר אַרְיֵה וָנֶשֶׁר • הנזהר ממאכלות אסורות, יזכה לעתיד לסעודת הצדיקים, וּלְדַבֵּר עם השכינה • וַיִּדֹּם אַהֲרֹן: נחמת אהרן היה בתקות וצפיית הגאולה • כל הנחמה, והחיזוק והשמחה של ישראל בכובד הגלות, הוא רק ע"י תקות הגאולה ואמונת ביאת המשיח •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תש"פ לפ"ק



KolSatmar.com

**לשון קדשו - קונטרס קמה**

(**23** מינוט) **קלָאר**

★★★★☆

**יצא לאור ע״י**

**מערכת לשון קדשו**

**מאנטריאל קאנאדא - 1-514-585-3040**

---

**צענטראלע נומער:**

**929-522-1515**

ארץ ישראל **072-3275205** קאנאדא **438-797-0770** ענגלאנד **0330-350-3110**

**צו הערן די רעקארדינג:** דרוק **#1**, דערנאך קונטרס נומער **145**

איר קענט אויך לאזן הודעות הערות ותיקונים, און מנדב זיין

מען קען אויך הערן די רעקארדינגס:

ניו יארק **718-298-4641** ארץ ישראל **072-3333419** דרוקט נומער **9→6→1**

(שמיני תשי״ג #→313→3→16)

# • נַחֲמוּ נַחֲמוּ •

**נשגר בזה כוס תנחומין עבור ידידנו הנכבד,**
**העומד תמיד לימיננו בהצללת ושיפור הריקארדינגס,**
**ברוב עמל ויגיעה כדי לזכות את הרבים**

**מוה״ר שלום סאנדל הי״ו**

**המתאבל על פטירת בנו ר' יואל ע״ה**

**אשר שבק לן חיים ביום א' דיו״ט פסח דהאי שתא תש״פ**

**זכות רביה״ק זי״ע יגן בעדו, שאך טוב וחסד ירדפוהו כל הימים,**
**ויזכה להמשיך עוד רבות בשנים בפעליו הטובים**

KolSatmar.com

א

# קושיות ודיוקים בפרשת השבוע

## קושיא א

להבין שייכות ב' פסוקי המסורה, וַיִּדֹּם אַהֲרֹן, וַיִּדֹּם הַשֶּׁמֶשׁ

**[וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל אַהֲרֹן, הוּא אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' לֵאמֹר בִּקְרֹבַי אֶקָּדֵשׁ וְעַל פְּנֵי כָל הָעָם אֶכָּבֵד, וַיִּדֹּם אַהֲרֹן].**

**א) די מסורה זאגט** [וַיִּדֹּם תרין, חדא] **וַיִּדֹּם אַהֲרֹן,** [ואידך] **וַיִּדֹּם הַשֶּׁמֶשׁ וְיָרֵחַ עָמָד** (יהושע י, יג). [וראוי להבין השייכות של שני פסוקים אלו].

ב

## קושיא ב

במדרש דכששמע אהרן שבניו הם ידוע המקום, שתק, וקיבל שכר על שתיקתו שנתייחד אליו הדיבור. ובמקום אחד אמרו דייחוד הדיבור היה בפרשת זֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ

**דער מדרש זאָגט[א], כיון שהיה אותו מעשה של בני אהרן, נִתְעַצֵּב אהרן, - שטייט דאָ צוויי נוסחאות** [איזה פרשה נתייחד אליו כששתק]. **קודם ברענגט דאָ דער מדרש** [רבה] **אויפן אָרט, - אמר לו משה** [לאהרן], **מסיני נאמר שיתקדש הבית בגדולים, כסבור הייתי או בי או בך, עכשיו אני רואה שהם גדולים ממני וממך, כיון ששמע אהרן שבניו ידועי המקום[ב], שָׁתַק.** [ומנין שקיבל שכר על שתיקתו, שזכה ונתייחד אליו הדיבור, שנאמר (י, ט) וַיְדַבֵּר ה' אֶל אַהֲרֹן יַיִן וְשֵׁכָר אַל תֵּשְׁתְּ וגו'].

**ווידעראום שטייט אין מדרש[ג], שהיה אהרן נִתְעַצֵּב על אותה מעשה, כיון שנתייחד אליו הדיבור שָׂמַח, נתייחד אליו הדיבור, וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן. -**

---

[א] **בויקרא רבה** (יב, ב) אמר רבי שמואל בר נחמן, זה הדיבור [בִּקְרֹבַי אֶקָּדֵשׁ וגו'] נאמר למשה בסיני, ולא נודע לו עד שבא מעשה לידו, אמר משה לאהרן, אָחִי, בסיני נאמר לי שאני עתיד לקדש את הבית הזה, ובאדם גדול אני מקדשו, והייתי סבור שמא או בי או בך הבית הזה מתקדש, ועכשיו ב' בניך גדולים ממני וממך, כיון ששמע אהרן שבניו יראי שמים הן, שָׁתַק. וקבל שכר על שתיקתו. ומנין ששתק, שנאמר וַיִּדֹּם אַהֲרֹן, ומנין שקיבל שכר על שתיקתו, שזכה ונתייחד אליו הדיבור שנאמר וַיְדַבֵּר ה' אֶל אַהֲרֹן [יַיִן וְשֵׁכָר אַל תֵּשְׁתְּ וגו'].

[ב] כן הוא הלשון **בגמרא זבחים** (קטו:): דכתיב וְנֹעַדְתִּי שָׁמָּה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל וְנִקְדַּשׁ בִּכְבֹדִי, אל תקרי בִּכְבוֹדִי אלא במכובדיי, דבר זה אמר הקב"ה למשה ולא ידעו עד שמתו בני אהרן, כיון שמתו בני אהרן, אמר לו אהרן אחי לא מתו בניך אלא להקדיש שמו של הקב"ה, כיון שידע אהרן שבניו ידועי מקום הן שתק, וקבל שכר שנאמר וַיִּדֹּם אַהֲרֹן. וכן בדוד הוא אומר דּוֹם לַה' וְהִתְחוֹלֵל לוֹ אע"פ שמפיל לך חללים חללים את שתוק, וכן בשלמה הוא אומר עֵת לַחֲשׁוֹת וְעֵת לְדַבֵּר פעמים ששותק ומקבל שכר על השתיקה, פעמים מדבר ומקבל שכר על הדבור, והיינו דא"ר חייא בר אבא אמר רבי יוחנן מאי דכתיב נוֹרָא אֱלֹקִים מִמִּקְדָּשֶׁיךָ אל תיקרי מִמִּקְדָּשֶׁיךָ אלא מִמְּקֻדָּשֶׁיךָ בשעה שעושה הקב"ה דין בִּקְדוֹשָׁיו, מתיירא ומתעלה ומתהלל.

וכן הוא **בילקוט שמעוני** (רמז תקכה): היה אהרן עומד ותוהא, ואומר אוי לי כך עבירה בידי וביד בני, שכך הגעתני. נכנס משה אצלו והיה מפייסו, אמר לו, אהרן אחי, מסיני נאמר לי עתיד אני לקדש את הבית הזה, באדם גדול אני מקדשו, והייתי אומר או בי או בך הבית מתקדש, עכשיו נמצאו בניך גדולים ממני וממך, שבהן הבית נתקדש. כיון ששמע אהרן, צִדֵּק עליו את הדין וְשָׁתַק, שנאמר וַיִּדֹּם אַהֲרֹן וכו'. דבר אחר וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה הוּא אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' לֵאמֹר בִּקְרֹבַי אֶקָּדֵשׁ, זה דיבור נאמר למשה בסיני, ולא ידעו עד שבא מעשה לידו, וכיון שבא מעשה לידו, אמר לו משה לאהרן, אהרן אחי לא מתו בניך אלא בשביל קדושת שמו של מקום, שנאמר (תצוה כט, מג) וְנֹעַדְתִּי שָׁמָּה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל וְנִקְדַּשׁ בִּכְבֹדִי, וכיון שידע אהרן שבניו ידועי המקום הן, שָׁתַק, וקבל שכר על שתיקתו. מכאן אמרו כל המקבל עליו ושותק סימן יפה לו וכו'.

[ג] **בויקרא רבה** (יב, ג): הדא הוא דכתיב (תהלים יט, ט) פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב ... דבר אחר, פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב זה אהרן, שהיה לבו עצב עליו בשביל בניו שמתו, כיון שנתייחד עליו הדבור שמח, ומנין, שנאמר וַיְדַבֵּר ה' אֶל אַהֲרֹן.

ועוד שם (יג, א): **וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן לֵאמֹר אֲלֵהֶם** [זֹאת הַחַיָּה וגו']. רבי פנחס ורבי ירמיה פתח (משלי טו, לא) אֹזֶן שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים וגו', אֹזֶן שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים אלו בניו של אהרן, בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלִין (שם), שהיו בצד המיתה, זכו ונתייחד הדיבור אליהם ועל אביהם ועל אחי אביהם בחייהם.

KolSatmar.com

דאָ ביי די פרשה תיכף [אחר זה, ביי] זֹאת הַחַיָּה, שטייט וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן דַּבְּרוּ אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר זֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ, ווייל ס׳איז געווען נתייחד הדיבור אליו האָט ער זיך מיט דעם געפרייט.

אַזוי שטייט אין מדרש רבה.

[ואמרו שם עוד[ד] דזהו שנאמר] בְּכָל עֶצֶב יִהְיֶה מוֹתָר. [דעל ידי שאמר משה שְׁלַח נָא בְּיַד תִּשְׁלָח נאמר לו הֲלֹא אַהֲרֹן אָחִיךָ הַלֵּוִי, ובשביל זה נתייחד הדיבור לאהרן].

ג

ויש להבין השייכות, למה עבור זה נתייחד אליו הדיבור בפרשת זֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ, דלכאורה הוא ענין נפרד, שאין לו שייכות עם מיתת נדב ואביהוא

ב) לכאורה וואָס אַ שייכות האָט דאָס [יחוד הדיבור לאהרן, עם מיתת נדב ואביהוא].

מילא דעס וואָס דער מדרש זאָגט [אַז] ער האָט געהערט אַז די קינדער זענען ידועי המקום, מ׳האָט ׳זיי׳ אויסגעוועלט לְקַדֵּשׁ הַבַּיִת, און ער האָט זיך מיט דעם מִתְנַחֵם געווען, איז רעכט [צו פאַרשטיין, ווייל] ער האָט געזען אַז זיי זענען אַזוי גרויס.

אָבער דער "נִתְיַחֵד הַדִּיבּוּר" [בפרשת זֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ], דאָס איז דאָך גאָר אַן אַנדער ענין, וואָס פאַר אַ שייכות האָט מיט דעם די פטירה פון נדב ואביהוא, וואָס ס׳איז געווען נתייחד הדיבור [בפרשה ההוא], ס׳איז דאָך גאָר אַן אַנדער ענין.

ד

קושיא ג

בפסוק זֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ, מביא במדרש דעתיד הקב"ה לעשות סעודה לצדיקים, וכל מי שלא אכל נבלות בעולם הזה יזכה לראות זאת לעולם הבא

דער מדרש זאָגט, זֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ מִכָּל הַבְּהֵמָה.

זאָגט דער מדרש דאָ אין **מדרש רבה** אין די וואָכעדיגע סדרה[ה], אֲרִיסְטוֹן [=סעודה] עתיד הקדוש ברוך הוא לעשות לצדיקים לעתיד לבוא, וכל מי שאינו אוכל נבילות [בעולם הזה] זוכה לאכול מאותה סעודה, שנאמר (צו ז, כד) וְחֵלֶב נְבֵלָה וְחֵלֶב טְרֵפָה יֵעָשֶׂה לְכָל מְלָאכָה "וְאָכוֹל" [לֹא תֹאכְלֻהוּ], בשביל שֶׁתֹּאכְלוּ מאותו הסעודה דלעתיד, לכן לֹא תֹאכְלֻהוּ, זאָל עטץ נישט עסן קיין טריפות. לפיכך משה מזהיר את ישראל ואומר זֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ.

ה

וצ"ב למה העמיד המדרש ענין זה בפרשה זו, והלא לא מיירי כאן מאכילת נבלות וטרפות רק מאכילת בעלי חיים הטמאים

ג) לכאורה וואָס הייבט ער עפּעס אָן [במדרש] מיט "נבילה" און לאָזט אויס [עם הפסוק זֹאת הַחַיָּה וגו׳], דאָ שטייט דאָך גאָרנישט קיין "נְבֵלָה", דאָ שמועסט מען דאָך פון "טְמֵאִים", פון בהמות ועופות טְמֵאִים און טְהוֹרִים.

---

[ד] **בשמות רבה** (ז, א): וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן וַיְצַוֵּם אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל (וארא ו, יג), הדא הוא דכתיב (משלי יד, כג) בְּכָל עֶצֶב יִהְיֶה מוֹתָר וּדְבַר שְׂפָתַיִם אַךְ לְמַחְסוֹר וכו׳. וכן אתה מוצא במשה, בתחלה היה ראוי הדיבור להתיחד עליו בפני עצמו, ועל ידי שאמר שְׁלַח נָא בְּיַד תִּשְׁלָח (שמות ד, יג) נאמר לו הֲלֹא אַהֲרֹן אָחִיךָ הַלֵּוִי (שם, יד), ואף כאן הֵן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁמְעוּ אֵלַי וגו׳, והיה ראוי ליעשות כל הנסים על ידו, ובשביל זה נתייחד הדיבור עליו ועל אהרן, שנאמר וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן.

[ה] **בויקרא רבה** (שמיני יג, ג) אמר רבי ברכיה בשם רבי יצחק, אֲרִיסְטוֹן עתיד הקב"ה לעשות לעבדיו הצדיקים לעתיד לבא, וכל מי שלא אכל נבלות בעולם הזה זוכה לראותו לעולם הבא, הדא הוא דכתיב וְחֵלֶב נְבֵלָה וְחֵלֶב טְרֵפָה יֵעָשֶׂה לְכָל מְלָאכָה וְאָכֹל לֹא תֹאכְלֻהוּ, בשביל שתאכלו ממנו לעתיד לבוא. **לפיכך משה מזהיר לישראל ואומר להם זֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ.**

KolSatmar.com

נבילה שטייט אויף אַן אַנדער פּלאַץ, [בפסוק לֹא תֹאכְלוּ כָל נְבֵלָה (ראה יד, כא). והטריפה נאמר בפסוק וּבָשָׂר בַּשָּׂדֶה טְרֵפָה לֹא תֹאכֵלוּ (משפטים כב, ל)].

און דאָ איז עס נאָר געדרינגען פון אַ דְרַשׁ [שלא לאכול טריפה, כי דרשו] "זֹאת הַחַיָּה" ולא "טריפה" חיה, 'נאָר' חַיָּה אֱכוֹל, איז דאָ אַ דְרַשׁ[ו]. [והיינו שאם יש להחיה מכה שאינו יכול לחיות ג"כ נקרא טריפה].

אָבער דער עיקר לימוד פון נבילה וטריפה איז דאָך אויף אַן אַנדער פּלאַץ, האָט ער 'דאָרט' געברויכט שטעלן דעם מדרש.

ו

קושיא ד

ד) און וואָס איז דער 'לפיכך' משה מזהיר את ישראל, דורך דעם.

ז

קושיא ה

ה) [און] וואָס איז דער מזהיר "ואומר".

ח

קושיא ו - מתוך הדרוש

ו) [גם צריך ביאור במה שדרשו בגמרא[ז], תנא דבי רבי ישמעאל, 'זֹאת' הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ, מלמד שתפס הקב"ה מכל מין ומין והראה לו למשה ואמר לו זאת אֱכוֹל וזאת לא תיכול. ויש להבין למה הוצרך להראותו כל מין, והלא די היה שיאמר לו בדיבור איזה מין טהור ואיזה מין טומאה, וכמו שלומדין זאת אח"כ בכל הדורות].

ט

# ישוב הקושיות

הקדמה לישוב קושיא א

קודם קען מען זאָגן [וועגן] די מסורה, וַיִּדֹּם אַהֲרֹן, וַיִּדֹּם הַשֶּׁמֶשׁ.

י

מבואר בגמרא, דבעת מחלוקת קרח אמרו השמש וירח, אם אתה עושה דין לבן עמרם נצא ואם לאו לא נצא

[דהנה] לעולם די גמרא זאָגט[ח] ביי די מעשה פון קֹרַח'ן, זאָגט די גמרא, מאי דכתיב (חבקוק ג, יא) שֶׁמֶשׁ יָרֵחַ עָמַד זְבֻלָה, מלמד שהשמש וירח נכנסו לִזְבוּל, ואמרו אם אתה עושה דין לבן עמרם נֵצֵא, ואם לאו לֹא נֵצֵא.

---

[ו] בגמרא חולין (מב.): אמר רבי שמעון בן לקיש, רמז לטרפה מן התורה מִנַּיִן, מִנַּיִן? וּבָשָׂר בַּשָּׂדֶה טְרֵפָה לֹא תֹאכֵלוּ (משפטים כב, ל), אלא רמז לטרפה שאינה חיה [היינו שאינה יכולה לחיות בזה עוד י"ב חודש] מן התורה מנין וכו', דכתיב וְזֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ, חיה אֱכוֹל, שאינה חיה לא תיכול וכו'. ולמאן דאמר טרפה חיה וכו', נפקא ליה מזֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ, זאת החיה אכול, חיה אחרת לא תיכול וכו'. ואידך האי זֹאת מאי עביד ליה וכו', דתנא דבי רבי ישמעאל 'זֹאת' הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ, מלמד שתפס הקב"ה מכל מין ומין והראה לו למשה ואמר לו זאת אֱכוֹל וזאת לא תיכול.

[ז] הובא לעיל בסמוך (סוף הערה ו).

[ח] בגמרא סנהדרין (קי.): אמר רבא, מאי דכתיב שֶׁמֶשׁ יָרֵחַ עָמַד זְבֻלָה לְאוֹר חִצֶּיךָ יְהַלֵּכוּ, מלמד שעלו שמש וירח לזבול, אמרו לפניו רבונו של עולם אם אתה עושה דין לבן עמרם נצא, ואם לאו לא נצא. עד שזרק בהם חצים, אמר להן בכבודי לא מחיתם בכבוד בשר ודם מחיתם. והאידנא לא נפקי עד דמחו להו.

וכעין זה הוא בגמרא נדרים (לט:): דרש רבא ואמרי לה אמר רבי יצחק, מאי דכתיב שֶׁמֶשׁ יָרֵחַ עָמַד זְבֻלָה, שמש וירח בזבול מאי בעיין, והא ברקיע קביעי, מלמד שעלו שמש וירח מרקיע לזבול ואמרו לפניו, רבונו של עולם אם אתה עושה דין לבן עמרם אנו מאירים ואם לאו אין אנו מאירין. באותה שעה ירה בהן חיצים וחניתות, אמר להם בכל יום ויום משתחוים לכם ואתם מאירים, בכבודי לא מחיתם בכבוד בשר ודם מחיתם. ובכל יום ויום יורין בהן חיצין וחניתות ומאירים, שנאמר לְאוֹר חִצֶּיךָ יְהַלֵּכוּ וגו'.

KolSatmar.com

אַזוי זאָגט די גמרא אין **סנהדרין** (קי.).

**יא**

ויש להבין א] למה דוקא אז לא רצו להאיר עוד. ב] ולמה דוקא השמש וירח אמרו כן, ולא שאר ברואים

לכאורה ברויך מען צו פאַרשטיין פאַרוואָס עפּעס האָבן שֶׁמֶשׁ וְיָרֵחַ זיך אָנגענומען גראָד [=דוקא] פאַר משה רבינו'ן.

א] פאַרוואָס דאָ [אצל מעשה קרח] מער ווי איבעראַל.

ב] און וואָס עפּעס גראָד די שֶׁמֶשׁ וְיָרֵחַ [ולא שאר תולדות שמים וארץ].

**יב**

אמנם ביאור הענין, על פי דברי האר"י הק', דקרח שפיקח היה ראה מה שיהיה לעתיד לבא שהלוים יהיו כהנים, ורצה שכבר יהיה עולם התיקון בימיו, ולכן חלק על משה שהלוים יהיו כהנים. אלא שמשה רבינו ראה יותר, שעדיין לא הגיע זמן התיקון

נאָר וואָס'זשע דען, קען מען זאָגן.

[דהנה] ס'איז דאָך ידוע וואָס דער **אר"י הקדוש זאָגט** (ליקוטי תורה, יחזקאל ד"ה והחיות) **אַז** דאָס ענין פון קֹרַח'ן איז געוועזן, קרח שפיקח היה, ער איז געוועזן אַ בעל רוח הקודש, ער האָט געזעהן וואָס ס'וועט זיין לעתיד, לעתיד וועט זיין די עבודה בלויים, האָט ער 'שוין' געקריגט אויף די כהונה, [ווייל] ער האָט געמיינט מ'האַלט שוין דאָרטן. [אָבער] דאָס איז געוועזן אַ טעות, [ווייל באמת] ס'איז נאָכנישט דער זמן דערפון געוועזן.

איבערדעם האָט ער נישט געטאָרט קריגן אויף משה רבינו. [וואָס] משה רבינו האָט דאָס געזעהן דעם אמת, אַז ס'איז נאָכנישט דער זמן דערפון.

**יג**

אָבער על כל פנים איז דאָך לויט די שיטה פון קֹרַח'ן האָט מען שוין געהאַלטן אַזוי ווי ס'וועט זיין לעתיד, נאָך דער גאולה, ביים עולם התיקון וועט זיין די עבודה בלויים.

**יד**

והנה לעתיד כשיהיה עולם התיקון יהיה אור הלבנה כאור החמה, ואור החמה שבעתים, ונמצא שאורם יתגדל אז יותר

[און] ס'איז ידוע אַז היינט איז די יָרֵחַ נִתְקַטֵן, [ונקרא] מִעוּט הַיָּרֵחַ. [אָבער] **לעתיד** וועט זיין **אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה**, און **אוֹר הַחַמָּה** וועט זיין **שִׁבְעָתַיִם** [כְּאוֹר שִׁבְעַת הַיָּמִים] (ישעי' ל, כו), **וועלן ביידע** [השמש וירח] **האָבן אַ גרעסערן אור, ביידע וועלן נִתְגַּדֵּל ווערן.**

**טו**

ונמצא דלשיטת קרח צריך להיות השתנות במהלך השמש והירח, ולזה אמרו **אם אתה** עושה דין לבן עמרם, **נֵצֵא** ונאיר כמהלך שלנו בזמן הזה, ואם לאו **לֹא נֵצֵא** ונאיר באופן כזה

דאָס האָבן זיי גע'טַעֲנֶה'ט [השמש וירח], ווען ס'זאָל זיין אמת אַזוי ווי קֹרַח, אַז ס'איז שוין דער זמן, ברויך מיר דאָך "אונז" אויכעט גרעסער צו ווערן.

איבערדעם האָבן זיי גע'טַעֲנֶה'ט, ממה נפשך, **אם אתה עושה דין לבן עמרם**, קען מיר נאָך גיין אויף 'דער' בחינה [של מיעוט הירח, אָבער] טאָמער טוסטו נישט קיין דין לבן עמרם, קומט דאָך אויס [שהצדק] אַזוי ווי קֹרַח זאָגט, איז דאָך שוין דער זמן [התיקון], און פאַרוואָס זאָל מען זיי מְקַצֵר זיין [אַז] זיי זאָלן גיין אויף דער בחינה וואָס זיי גייען, ס'איז דאָך שוין דער זמן [פון] אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה וְאוֹר הַחַמָּה שִׁבְעָתַיִם. - איבערדעם [איז געוועזן] **שֶׁמֶשׁ יָרֵחַ עָמַד זְבֻלָה.**

KolSatmar.com

### טז
### עוד הקדמה לישוב קושיא א

זוהר הק׳: במעשה זמרי יצתה נשמת פינחס, ונכנס בו נשמת נדב ואביהוא

און דער אמת איז, דאָס ענין דערפון שטייט דאָך אין **זוהר הקדוש** (פינחס דף ריז.), אַז **פינחס** ביי די מעשה פון זמרי בן סלוא, [ווען ס׳איז] נתקבצו שבטו של שמעון און מ׳האָט אים געוואָלט הַרְגֶ׳נען, פון פַּחַד איז געווען יצאה נשמתו, און ס׳איז נאָך געווען דאָרט [בָּאֲוִיר] **נשמת נדב ואביהוא**, זענען זיי [דעמאָלטס] אַריינגעגאַנגען אין פינחס׳ן [כשיצאה ממנו נשתמתו], האָט ער צוריק באַקומען דעם חיות.

### יז

דער זוהר הקדוש זאָגט דאָרט [עוד, דזהו ביאור הפסוק] **פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן**, [דתיבות בֶּן] דאָס גייט אַרויף ביידע [מאָל] אויף פינחס׳ן, [ולא כפשוטו דבן השני קאי על אלעזר, והכוונה] אַז **פִּינְחָס** איז געווען טאַקע **״בֶּן״ אַהֲרֹן הַכֹּהֵן**. ער איז געווען [טאַקע] **בֶּן אֶלְעָזָר**, אָבער [ווען] ער האָט באַקומען נשמת נדב ואביהוא איז ער געווען [אויך] **״בֶּן״ אַהֲרֹן הַכֹּהֵן**, [שהרי נדב ואביהוא הם ״בני אהרן״]

### יח

פינחס מיועד לבשורת נחמה, וכשמתו נדב ואביהוא ניחם את אהרן, בזה שהם
עתידים עוד לבשר הגאולה העתידה כשיכנסו בו נשמתם בפינחס זה אליהו

[והנה אמרו חכז״ל] **פינחס זה אליהו**[ט], און ער וועט דאָך קומען מְבַשֵּׂר זיין אידן, ער איז דאָך מוּכָן לְבַשֵּׂר בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת וְנִיחוּמִים, די בשורת הגאולה.

[וממילא] פינחס האָט דאָס מְגַלֶּה געווען פאַר אהרן הכהן, אַז ער האָט נישט פאַרלוירן נדב ואביהוא, [נאָר] זיי וועלן צוריק זיין [בו עצמו] אין פינחס זה אליהו, און זיי וועלן קומען מְבַשֵּׂר זיין די גאולה.

### יט

וזהו ביאור הפסוק ״וידם״ אהרן, דהוא מלשון תוחלת וצפיה לאותו זמן דלעתיד

[וממילא] האָט ער [אהרן] דאָך געזען אַז פון זיי וועט אַרויסקומען די רעכטע ישועה, די בשורת הגאולה, האָט ער אויף דעם ׳געהאָפט׳. [ולכן נאמר ״וַיִּדֹּם״ אַהֲרֹן, שהוא לשון תוחלת וצפיה, כלשון הכתוב] **״דּוֹם״ לַה׳ וְהִתְחוֹלֵל לוֹ׳**[י] (תהלים לז, ז), **האָט אהרן הכהן אויף דעם געהאָפט.**

### כ

וכן גם השמש וירח מצפים ומייחלים לזמן דלעתיד, שאז יתגדל אורם כאמור

[והנה לפי האמור לעיל, נמצא כי] **די שֶׁמֶשׁ וְיָרֵחַ האָפן אויך אויף דעם**, [שיהיה] **אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה וְאוֹר הַחַמָּה שִׁבְעָתַיִם.**

### כא
### ישוב קושיא א

הפסוק בִּקְרֹבַי ״אֶקָּדֵשׁ״ וְעַל פְּנֵי כָל הָעָם ״אֶכָּבֵד״, רומז על גודל הרמת ׳כבוד׳ שמים ׳וקידוש׳
השם, שיהיה בגאולה העתידה, אשר נדב ואביהוא שיכנסו בפינחס הם יהיו המבשרים לזה

איבערדעם דאָס איז די מסורה. ער [אהרן] האָט געהערט [הוא אֲשֶׁר דִּבֶּר ה׳] **בִּקְרֹבַי ׳אֶקָּדֵשׁ׳ וְעַל פְּנֵי כָל הָעָם ׳אֶכָּבֵד׳**, [וכוונת לשון] **״אֶקָּדֵשׁ״** [ולשון ״אֶכָּבֵד״, מיינט] **טאַקע**

---

[ט] עיין ברש״י ותוס׳ בבא מציעא (קיד:), ובתוס׳ בבא בתרא (קכא.).

[י] עיין מדרש רבה (דברים א, יז): דּוֹם לַה׳ וְהִתְחוֹלֵל לוֹ וגו׳, מהו ׳וְהִתְחוֹלֵל׳ לוֹ צַפֵּה להקב״ה כענין שנאמר (תהלים מב, ו) מַה תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי ׳הוֹחִלִי׳ לֵאלֹקִים כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו.

KolSatmar.com

דער רעכטער ׳כבוד׳ שמים, מיינט ער טאַקע ״דעם״ כבוד שמים וואָס ס׳וועט אַרויסקומען ווען מ׳וועט קומען מְבַשֵּׂר זיין די גאולה, [וואָס] דעס וועט זיין דורך **נדב ואביהוא** וואָס זענען [שפּעטער אַריין] אין **פינחס זה אליהו.**

נישט נאָר בלויז דעם כבוד שמים וואָס ס׳איז געווען [בשעתו] במיתת נדב ואביהוא[יא]. [נאָר] ׳דאָס׳ [בשורת הגאולה] איז דער עיקר, [דאָס איז] אַ גרעסערער כבוד שמים.

ווען ס׳וועט זיין וְרָאוּ כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ (תבוא כח, י), ס׳וועט זיין די בשורת הגאולה, [ויתקיים הכתוב] וּנְתָנְךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ עֶלְיוֹן עַל כָּל גּוֹיֵי הָאָרֶץ (שם, א), וְנֶאֱמַר [בַּיּוֹם הַהוּא] הִנֵּה אֱלֹקֵינוּ זֶה קִוִּינוּ לוֹ וְיוֹשִׁיעֵנוּ (ישעי׳ כה, ט), מ׳וועט זען די ישועה, די בשורת הגאולה.

[וועט זיין] **אַזאַ כבוד שמים,** [וואָס] **מיום שנברא העולם איז דאָס נישט געווען** אַזוי ווי ס׳וועט זיין דעמאָלטס, [ואז יתקיים] יִשְׂמְחוּ הַשָּׁמַיִם וְתָגֵל הָאָרֶץ (תהלים צו, יא).

### כב

ועל כן כששמע אהרן שהקב״ה אומר בִּקְרֹבַי ״אֶקָּדֵשׁ״, דהיינו בגאולה העתידה, מיד ״וַיִּדֹּם״ אַהֲרֹן, שהיה מצפה ומייחל שכבר נזכה לזה. וכן רומז הכתוב ״וַיִּדֹּם״ הַשֶּׁמֶשׁ וְיָרֵחַ, שהם מצפין ומייחלין בכל יום שנזכה לזה, וכבר יתגדל אורם

איבערדעם ווען אהרן הכהן האָט דאָס געהערט בִּקְרֹבַי אֶקָּדֵשׁ, איז געווען ״וַיִּדֹּם״ אַהֲרֹן, האָט ער אויף דעם ״געהאָפט״, מ׳זאָל מיר שוין זוכה זיין די גאולה שלימה.

און דאָס איז [אויך דער] ״וַיִּדֹּם״ הַשֶּׁמֶשׁ וְיָרֵחַ עָמָד, אויף דעם ״האָפן״ די שֶׁמֶשׁ מיט די יָרֵחַ האָפן אויך אויף דעם, [וואָס] דעמאָלטס וועט נשלם ווערן זייער שלימות[יב]. דאָס וועט אויך נאָר זיין דעמאָלטס, נאָך דער גאולה.

### כג

הקדמה לישוב קושיא ג **באופן א** (עד אחר אות לט)

די זעלבע ענין איז [שנתייחד אליו הדיבור בפרשת] **״זֹאת״ הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ** (קושיא ג).

### כד

[**קושיא ו**]

בפסוק ״זֹאת״ הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ, דרשו שתפס הקב״ה מכל מין ומין והראה למשה

[דהנה ילפינן מזה כי] תָּפַס הקדוש ברוך הוא מכל מין ומין [של החיות], און דער בורא כל עולמים האָט אים געזאָגט זאת חיה [אֱכוֹל, וזאת לא תאכל]. זאָגט דאָך די **גמרא** אין חולין[יג], שתפס הקדוש ברוך הוא מכל מין ומין.

### כה

ויש להבין למה הוצרך להראותו בידים, ולא היה סגי לומר בדיבור בלבד, וכסדר שלומדין זאת בכל הדורות

לכאורה וואָס האָט מען געדאַרפט אים תפס מכל מין ומין, ער האָט זיך נישט געקענט אויסלערנען [בדיבור בלבד? והלא] מ׳לערנט דאָך ׳כסדר׳ [בכל הדורות] די הלכה [גם בלא תפיסת המין], חכמינו ז״ל און אַלע פוסקים האָבן דאָס מברר געווען [גם בלא זה], וועלעכס מ׳זאָל עסן און וועלעכע נישט, און משה רבינו׳ן האָט מען געמוזט ווייזן? שתפס מכל מין ומין?

---

[יא] וכמו שפרש״י: **וְעַל פְּנֵי כָל הָעָם אֶכָּבֵד.** כשהקב״ה עושה דין בצדיקים, מתיירא ומתעלה ומתקלס, א״כ באלו כל שכן ברשעים. וכן הוא אומר (תהלים סח, לו) נוֹרָא אֱלֹקִים מִמִּקְדָּשֶׁיךָ, אל תקרא מִמִּקְדָּשֶׁיךָ אלא מִמְּקֻדָּשֶׁיךָ.

[יב] ראוי לציין כי דרוש זה בענין הילוך השמש, היה אז דבר בעתו, כי ביום ד׳ שמיני תשי״ג אסרו חג פסח ברכו ברכת ״קידוש החמה״.

[יג] הובא לעיל בהערה ו.

KolSatmar.com

### כו
### הקדמה לישוב קושיא ו
כמה סימני טומאה וטהרה ישתנו לעתיד, וכגון בחזיר, ובאריה ונשר

נאָר דער אמת [הטעם הוא], וואָרן לעולם ביי די חיות טמאים וועט זיין גרויסע שינויים לעתיד, מילא אֶת הַחֲזִיר שטייט דאָך אַרויס אין **מדרש**[יד] עתיד חזיר ליטהר.

### כז
לעולם [בענין] עתיד חזיר ליטהר שטייט דאָך אויך[טו] [לבאר זה, שהרי] לכאורה אין די תורה הקדושה איז נישט פאַרהאַנדן קיין שינוי.

נאָר ס'וועט נישט זיין קיין שינוי אין די "תורה הקדושה", [נאָר] דעס "חזיר" וועט נשתנה ווערן, ער וועט באַקומען אַנדערע סימנים, באַקומען סימני טהרה. [והיינו על ידי וואָס] ער וועט אַריבערגיין אין אַן אַנדערן מקור [למעלה בשמים, ממילא] וועט ער האָבן די סימני טהרה, די זעלבע "הלכה", די זעלבע "סימני טהרה און סימני טומאה" וועלן אַ קיום האָבן [גם לעתיד], נאָר 'דעס' [טבע החזיר וסימניו] וועט נשתנה ווערן.

### כח
און אַזוי איז דאָ אַנדערע אויכעט [שישתנה טבעם להטהר], **למשל אַרְיֵה.**

[ווי] זיי פרעגן דאָך די קשיא, ווי קומט עפּעס אין די מרכבה [עליונה פני] אַרְיֵה מיט [פני] נֶשֶׁר, חיות וואָס זענען טמאים. חיות ועופות טמאים קומט אין די מרכבה?

[נאָר] פון **ספר הפליאה** ברענגען זיי[טז], - דער **יערות דבש** (חלק ב, דרוש ד) **שמועסט** אויך אַסאַך דערפון, - אין ספר הפליאה זאָגט ער, לעולם דער אַרְיֵה איז בעצם פון אַ מקור הטהרה, נאָר ווייל ער עסט עופות טמאים, ווייל ער עסט חיות טמאים, איבערדעם ווערט ער נִשְׁתַּנָּה [טבעו בזמן הזה לסימני טומאה], איבערדעם פאַלט ער אַריין אין די טומאה [בזמן הזה]. אָבער לעתיד וועט זיין אַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל תֶּבֶן (ישעי' יא, ז), ער וועט נישט עסן קיין דברים טמאים, וועט דער אַרְיֵה טאַקע זיין טהור.

איבערדעם 'אין מקור' אין די מרכבה עליונה איז ער טאַקע טהור, כאָטשיג ער איז 'דאָ' טמא, ווייל ער עסט עופות טמאים, ווייל ער עסט חיות טמאות, איבערדעם ציט זיך דאָס אַזוי כסדר [בזמן הזה], האָט ער די סימני טומאה. אָבער דאָס אַלעס וועט נשתנה ווערן.

### כט
זעט מען דאָך ס'איז דאָ נאָך [חיות טמאים מלבד החזיר, שעתידים ליטהר]. אַזוי קאָן מען נישט וויסן [אם יהיו עוד חיות כאלה שיטהרו], וועט זיין אַסאַך שינויים.

---

[יד] הובא **ברבינו בחיי ובאור החיים הק'** בפרשתן (יא, ד), **ובשל"ה הק' פרשת חיי שרה** (תורה שבכתב רפד:).

[טו] עיין בענין זה **בדברי יואל** בפרשתן (עמוד רנו, רסב), ובפרשת נח (עמוד קלב), בחקותי (עמוד תט), **נשא** (עמוד קפג).

[טז] עיין **בישמח משה** פרשת בחוקותי (עה"פ וְהִשְׁבַּתִּי חיה רעה): והנראה לי על פי מה שכתב **היערות דבש**, דמבואר שם דאם אמרינן קמא קמא בטיל, בהמה שנתפטמה באיסור מותרת, ואם אמרינן חוזר וניעור, בהמה שנתפטמה באיסור אסורה. והנה מבואר עוד שם בשם **ספר הפליאה**, דלכך נאסר אריה, משום דמאכלו חיות טמאות, אבל מצד עצמותו טהור הוא, ולכך פני אריה הוא במרכבה, עיין שם.

ועל פי זה נ"ל לבאר פירוש הפסוק **וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל תֶּבֶן**. דקשה מה לן בזה מה שיהיה מאכלו, לא הוה ליה לומר רק דלא יזיק, כמו שאמר על דוב וכפיר ומריא. ועוד קשה למה לו הדמיון הזה לומר כבקר, והיה די לומר ואריה יאכל תבן. לכך נראה לי, דהא על פי המבואר **בספר הפליאה** מובן, דלעתיד דלא יהיה מאכל אריה רק תבן, ממילא דיהיה טהור דהא בעצמותו טהור הוא, והיינו **וְאַרְיֵה כַּבָּקָר**, רצ"ל דיהיה טהור כבקר, ולמה, על זה אמר **יֹאכַל תֶּבֶן**, רצ"ל משום שיאכל תבן.

## ל

### ישוב קושיא ו

ולכן לא רצה הקב"ה לומר לו "בדיבור", כדי שלא להכריח הבחירה בענין הגאולה, שבזה תלוי טהרת המינים, ועל כן רק "הראה" לו בתפיסת כל מין

איבערדעם קאָן זיין. משה רבינו האָט דאָך געקוקט עד סוף כל הדורות, [ועל כן] פון דעם לימוד הלכה האָט ער גאָרנישט געקענט מברר זיין [איזה חיות יהיו טהורות ואיזה טמאות], וואָרן ער האָט דאָך געקוקט און ער האָט דאָך געהאָפט אַלץ כסדר [אַז] ס'זאָל זיין דעס וואָס ס'וועט זיין לעתיד, [ולכן הוצרך הקב"ה להראותו כל מין ומין בשורשו, איך שהוא עתה ואיך שיהיה לעתיד]. (המשך ישוב קושיא ו, באות לה)

## לא

### ביאור מה שנתקשה משה במולד הלבנה, עד שנאמר לו כזה ראה וקדש

דקשה גם כן למה נתקשה משה בזה, והלא בכל הדורות לומדין זאת החכמים ומבינים אותו אף בלא ראיה

דאָס זעלבע ענין וואָס כ'האָב געזאָגט [בביאור ענין שאמרו] נתקשה משה במולד הלבנה, [ביז] דער בורא כל עולמים האָט אים געזאָגט כזה ראה וקדש. זאָגן אויך **חכמינו ז"ל**[יז].

[וקשה וכי] האָבן דען נישט געקאָנט זיין עדות וואָס זיי האָבן געזען דעם מולד הלבנה, כאָטש ווער האָט געקאָנט עדות זאָגן, און חכמינו ז"ל האָבן דאָס אויסגערעכנט דעם סוד העיבור, וואָס דען האָט משה רבינו נתקשה געווען, ער האָט דאָך עס געקאָנט זען [און פאַרשטיין, כמו שהיה אחר כך בכל הדורות].

## לב

אבל לדרכינו ניחא, כי גם מולד הלבנה תלוי בענין הגאולה, כי לעתיד כשיהיה אור הלבנה כאור החמה, שוב לא יהיה מיעוט הלבנה וחידושה, רק תאיר תמיד. ולכן לא רצה הקב"ה להגיד זאת "בדיבור" רק הראה לו בראיה

נאָר וואָס'זשע דען, דאָס איז דאָך אויך דאָס זעלבע ענין.

וואָרן דער גאַנצער מולד הלבנה נעמט זיך דאָך פון די חטאים, פונעם חטא פונעם מִעוּט הַיָּרֵחַ, דאָס איז דאָך דורך די חטאים, [והראיה כי] לעתיד וועט דאָך דאָס נישט זיין [מיעוט הירח, ווייל ווען] ס'וועט זיין אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, וועט נישט זיין קיין מולד. [כי המולד הוא מה שנתרבה אורה בתחלת החודש, לאחר שנמעט אורה בסוף החודש הקודם לזה, ולעתיד לא יתמעט אורה בסוף החודש].

[און] **משה רבינו האָט דאָך געהאָפט יעדע רגע אויפן עולם התיקון**, [ווען] ס'וועט זיין אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, איז געווען "נתקשה משה" במולד הלבנה, איז אים "זייער שווער אָנגעקומען" ער זאָל דאָס פאַרשטיין, ער האָט דאָס נישט געקאָנט נעמען פאַר די אויגן, [ווייל] ער האָט נאָר געקוקט אויפן תיקון, וועט דאָך ממילא דאָס נישט זיין.

## לג

וכל זה כדי שלא להכריח הבחירה בענין הגאולה, כי הדיבור לנביא מכריח הבחירה, משא"כ ידיעת וראיית החכם אינו מכריח הבחירה, וכמבואר בישמח משה [בביאור אומרם חכם עדיף מנביא]

ביז דער בורא כל עולמים האָט אים געזאָגט כָּזֶה "רְאֵה" וְקַדֵּשׁ. מ'האָט עס אים נישט געקאָנט אַרויסזאָגן מיטן דיבור אַ זאַך וואָס ס'איז תלוי אין די בחירה.

---

[יז] **בגמרא מנחות** (כט.): תנא דבי רבי ישמעאל ג' דברים היו קשין לו למשה, עד שהראה לו הקב"ה באצבעו וכו'. מנורה, דכתיב (במדבר ח, ד) **וְזֶה מַעֲשֵׂה הַמְּנֹרָה. ראש חודש, דכתיב** (בא יב, ב) **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים.** שרצים, דכתיב (ויקרא יא, כט) **וְזֶה לָכֶם הַטָּמֵא.** - וברש"י (פרשת בא יב, ב): **הַחֹדֶשׁ "הַזֶּה". נתקשה משה על מולד הלבנה, באיזו שיעור תראה ותהיה ראויה לקדש, והראה לו באצבע את הלבנה ברקיע, ואמר לו כזה ראה וקדש.**

KolSatmar.com

ווי ס'שטייט אין **ישמח משה** (פ' נצבים) [בביאור מה שאמרו] (בבא בתרא יב.) **חכם עדיף מנביא**, [על פי דברי האלשיך הקדוש (פרשת בהעלותך) על מה שאמרו] (נדה טז:) **ואילו צדיק ורשע לא "קאמר"**, [דהכוונה כי] די יְדִיעָה איז נישט מכחיש די בחירה, אָבער דער דִיבּוּר איז יאָ מכריח, איבערדעם מיטן דיבור קאָן מען נישט זאָגן צדיק ורשע.

איבערדעם, אַ נביא הערט ניב שפתים, ער הערט די נבואה בדיבור, קען ער נישט הערן אַ זאַך וואָס ס'איז תלוי אין די בחירה, קען מען נישט זאָגן. אָבער אַ חכם, מיט [מדריגת] חכמה קען מען משיג זיין [אף דבר התלוי בבחירה, כי] ווייזן במחשבה קען מען אפילו אַזוינס וואָס ס'איז תלוי אין די בחירה.

לד

איבערדעם האָט אים דער בורא כל עולמים געוויזן נאָר כָּזֶה "רְאֵה" וְקַדֵּשׁ, "זאָגן" קען איך דאָס נישט וויאַזוי ס'וועט אויסזען, וואָס ס'וועט זיין, וויאַזוי דאָס וועט אויסזען אַז מ'וועט דאַרפן אַלעס טון במולד הלבנה, און ווען דאָס וועט זיין דער זמן אַז ס'וועט נישט זיין אַזוי, נאָר כָּזֶה "רְאֵה" וְקַדֵּשׁ.

לה

המשך ישוב קושיא ו

וכן היה בענין מה שהראה למשה מכל מין, כי זה ג"כ תלוי במצב עמידת העולם, ולכן יש בזה חילוק בין זמן הזה לזמן דלעתיד

דעס זעלבע איז ביים תפס הקב"ה מכל מין ומין, און ער האָט אים "געוויזן" "זֹאת" הַחַיָּה, "דאָס" איז עס, דעם ביאור הדברים האָט מען אים נישט געקענט "זאָגן" בדיבור, ווייל ס'איז תלוי אין **עמידת העולם**, [און] 'דערנאָך' וועט נִשְׁתַּנָּה ווערן אַסאַך פון די בהמות וחיות און פון די עופות וואָס מ'רעכנט אויס דער פסוק, לעתיד וועט זיין אין דעם גרויס הִשְׁתַּנּוּת, [ווייל] זיי וועלן קומען אין אַנדערע מקורים [למעלה, און] ס'וועט זיין אין דעם הִשְׁתַּנּוּת [בהטבע]. (עיקר ההמשך, באות לט)

לו

ביאור ענין תַּרְנְגוֹלְתָּא דְאַגְמָא

וכעין זה ביארתי מה שאמרו בגמרא דמתחלה אמרו חכמים דְתַרְנְגוֹלְתָּא דְאַגְמָא טהור, ואחר כך ראו פעם שהוא דורס ואמרו שהוא טמא. וקשה האיך אפשר לומר שחכמינו ז"ל היו טועים בדבר מתחילה

איך מיין אויכעט [דזהו ביאור ענין תַּרְנְגוֹלְתָּא דְאַגְמָא].

[דהנה] אין אֱמֶת'ן אריין, **חכמינו ז"ל האָבן זיך נישט טועה געוועזן קיינמאָל**, רוּחַ ה' דִבֶּר בָּם, [נאָר] איין מאָל געפינט מען 'דאַך', די **גמרא זאָגט אין חולין אין פרק אלו טרפות**[יח], ס'איז פאַרהאַנדן ביי אַן עוף [תַּרְנְגוֹלְתָּא דְאַגְמָא] אַז זיי האָבן עס מכשיר געוועזן, און דערנאָך שפּעטער זענען זיי 'געקומען דערויף' [שהוא טמא, ווייל] זיי האָבן געזען [אַז] ס'איז "דורס", האָבן זיי עס צוריק מְטַמֵּא געוועזן.

[ולכאורה הוא תמוה, דנמצא] ס'איז עפּעס חלילה געוועזן ווי אַ טעות, געפינט מען אויף דעם איינעם פלאַץ.

---

[יח] **בגמרא חולין** (סב:): אמר רב פפא "תַּרְנְגוֹלָא" דְּאַגְמָא אסירא, "תַּרְנְגוֹלְתָּא" דְּאַגְמָא שריא. דרש מרימר, "תַּרְנְגוֹלְתָּא" דְּאַגְמָא אסירא, חזיוה דדרסה ואכלה, והיינו גירותא. - ופירש"י, חזיוה דדרסה ואכלה. ראוה חכמים שדורסת ואוכלת. והיינו גירותא, דאמרינן לקמן בפרק כל הבשר (חולין קט:) אסר לן גירותא, שרא לן לישנא דכוורא, שטעמו כטעמו. ומתוך שאין אנו בקיאין בהם, נראה לי דעוף הבא לפנינו יש לומר שמא ידרוס, דהא הך תרנגולתא דאגמא היו מחזיקין בטהורה ולאחר זמן ראוה שדורסת, ואין עוף נאכל לנו אלא במסורת, עוף שמסרו לנו אבותינו בטהור, ושלא מסרו לנו יש לחוש, ובמסורת יש לנו לסמוך כדאמר לקמן (חולין סג:) שעוף טהור נאכל במסורת.

### לז

אבל להאמור ניחא, כי טהרת המינים תלוי במצב עמידת העולם, ומתחילה היה קצת תיקון בעולם בימי החכמים, ועל כן באמת היה העוף טהור ולא היה דורס, רק אח"כ נשתנה מצב העולם לגריעותא, ונשתנה גם טבע עוף זה ונעשה דורס, וכל דברי חכמים קיימים

[וביארתי הענין, כי] אפשר איז דאָרט אויך געווען עפּעס אַן ענין אַ הִשְׁתַּנּוּת [בעמידת העולם], האָט זיך עס געוויזן [השינוי גם בטבע העוף], ס'איז תלוי [סימני טומאה וטהרה] אין **עמידת העולם**, ס'האָט זיך אפשר אָנגעהויבן אַ שטיקל עולם התיקון, [וממילא] אפשר האָט דעס עוף טאַקע נישט דורס געווען באותו הזמן וואָס חכמינו ז"ל האָבן עס געזען [וטיהרו אותו], ביז מ'איז אָבער דאָך געקומען דערויף ס'האָט 'נאָכדעם' דורס געווען, האָבן זיי עס אַריינגעשטעלט צוריק אין די חזקת טומאה. [והיינו כי החכמים לא טעו, אלא שנעשה שינוי בטבע העוף, שמתחלה לא היה דורס, ואח"כ נעשה דורס][ט].

### לח
### היוצא מזה לעניננו:

על כל פנים איז דאָך דאָס 'אַ טיף ענין', צו וויסן די מקורות הטומאה מיט די מקורות הטהרה פון די **בהמות וחיות ועופות** אפילו.

על אחת כמה וכמה אין מהות בני אדם, די אַלע מקורות טומאה וטהרה, וויאַזוי חכמינו ז"ל האָבן געקאָנט מכריע זיין.

### לט
### סיום ישוב קושיא ו

[על כל פנים] איבערדעם קען זיין, דאָס איז **זֹאת הַחַיָּה**, ער האָט אים נאָר געוויזן אויף דעמאָלטס, איבערדעם האָט דער בורא כל עולמים געוויזן זֹאת הַחַיָּה, "זאת" [מלמד] שתפס הקדוש ברוך הוא מכל מין ומין.

### מ
### ישוב קושיא ג (באופן א)

ולכן מביא המדרש מה שעתיד הקב"ה לעשות סעודה לצדיקים [ואז יהיה שינוי במינים הטמאים והטהורים], כי משה ואהרן היה מצפים ומייחלים לבחינת אכילה דלעתיד, אשר לכן נאמר כאן "זאת" החיה, כי לא רצה הקב"ה להגיד בדיבור בחינת האכילה שבזמן הזה, כיון שטהרת המינים לאכילה הוא דבר התלוי בבחירה

איבערדעם ברענגט דאָ צו דער **מדרש** [מה שיהיה לעתיד לבא], **אֲרִיסְטוֹן עתיד הקדוש ברוך הוא לעשות לצדיקים**, לעתיד וועט הקדוש ברוך הוא מאַכן אֲרִיסְטוֹן.

אָבער דאָס קאָן מען 'היצט' נישט משיג זיין אויף וואָס פאַר אַ בחינה [הוא טבע החיות והבהמות, כי הוא דבר התלוי בבחירה], איבערדעם האָט מען נאָר געזאָגט "זאת", [דהיינו שהראה] "ברמז" [ולא 'בדיבור'], תפס הקדוש ברוך הוא מכל מין ומין.

וואָרן זיי [משה ואהרן] האָבן געקוקט [בעיקר] אויפן "עתידות" [של עולם התיקון], ממילא קען מען שווער מברר זיין [להם] וויאַזוי ס'איז "היצטערט" [בזמן הזה, להגיד להם זאת בדיבור, שהרי] דאָס איז תלוי אין די בחירה, דאָס איז תלוי אין **מצב העולם** די אַלע סימני טומאה וטהרה.

נאָר הקדוש ברוך הוא האָט אים "געוויזן" כל מין ומין, מ'האָט נישט געקאָנט "בדיבור".

---

[ט] עיין עוד בביאור ענין זה באורך בדברי רבינו בפתיחה לתלמידי הישיבה פרשת נח תשכ"ה, ובס"ג נח תשכ"ח. ובדברי יואל (במקומות המצויינים לעיל בהערה טו).

### מא

### הקדמה לישוב קושיא ג (באופן ב), ולישוב קושיא ב

בקדושת לוי מבאר הלשון "לֵאמֹר אֲלֵהֶם" זֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ, כי לעתיד יהיו כולם נביאים אשר "ידבר אליהם" השכינה, ולכן צריכין לשמור עצמם מאכילת דבר טמא, וכמו שמצינו במשה רבינו שלא יָנַק בפיו מן הנכרית יען שהיה פה שעתיד לדבר עם השכינה

און אפשר קען זיין טאַקע [עוד בביאור דברי המדרש הנ"ל].

[בהקדם וואָס] ס'שטייט אין **קדושת לוי**[כ] [על הפסוק] **וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן לֵאמֹר** [אֲלֵיהֶם].

**זאָגט ער אַזוי: ווייל ס'שטייט** (רש"י שמות ב, ז. ובשמו"ר א, כה) **אַז משה רבינו האָט נישט געקענט יונק זיין פון אַ מצרית, ווייל** [ער איז געווען] **פה שעתיד לדבר עם השכינה.**

**זאָגט ער, אויף לעתיד שטייט דאָך** (יואל ג, א) **וְנִבְּאוּ בְּנֵיכֶם וּבְנוֹתֵיכֶם, ס'וועט יעדער איד רעדן עם השכינה הקדושה, און מ'וועט הערן דיבורים פון די שכינה הקדושה.** [וממילא] **מוז זיך יעדער איד אָפּהיטן פון מאכלות אסורות אודאי,** [כדי] **מ'זאָל נישט שאָדן האָבן** [מעלת הדיבור עם השכינה].

**דאָס איז וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן "לֵאמֹר"** [אֲלֵיהֶם], **אז מ'זאָל קענען ווייטער זאָגן די דיבורים, יעדער איד ווער ס'וועט זוכה זיין די גאולה לעתיד, וועט דאָך זיין נִבְּאוּ בְּנֵיכֶם וּבְנוֹתֵיכֶם, איבערדעם דאַרף מען זיין אָפּגעהיטן** [ממאכלות אסורות, ולכן זֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ וגו']. [עד כאן דברי הקדושת לוי].

### מב

### ישוב קושיא ג (באופן ב)

ולכן דייקא בכאן הביא המדרש מה שעתיד הקב"ה לעשות סעודה לצדיקים, ורק מי ששומר פיו ממאכלות אסורות בעולם הזה, יזכה לראות זה. כי כאן נרמז כן גם בלשון הפסוק "לֵאמֹר אֲלֵהֶם", וכדברי הקדושת לוי

**איבערדעם האָט דאָס אַנידער געשטעלט דער מדרש דאָ, וואָרן דאָ שטייט דאָך דאָס גאַנצע עתידות, דער "לֵאמֹר"** [כדברי הקדושת לוי], **און דער "זֹאת" הַחַיָּה** [כדברינו באופן ראשון], **אז מ'האָט געוויזן כל מין ומין, און מ'האָט געוויזן אז ס'וועט זיין הִשְׁתַּנּוּת** [לעתיד].

**איבערדעם, דעס ענין, דער מצב העתיד, שטייט נישט דאָרטן ביי נבילה וטריפה, נאָר 'דאָ' שטייט אין די תורה הקדושה, איז עס אַליין מרומז.**

**ממילא אז ס'איז דאָ מרומז** [ענין דלעתיד] **האָט עס דער מדרש דאָ אַראָפּגעשטעלט** [דאכילת הסעודה דלעתיד תלוי בשמירה ממאכלות אסורות].

**איבערדעם איז דירעקט אַן אזהרה געווען, לֵאמֹר, זֹאת הַחַיָּה.**

### מג

### ישוב קושיא ד-ה

[ובזה יובן גם סיום דברי המדרש **לפיכך "משה" מזהיר את ישראל, כי מעובדא דמשה עצמו**

---

[כ] **בקדושת לוי** (ריש פרשתן): **וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן לֵאמֹר אֲלֵהֶם דַּבֵּר וכו' זֹאת הַחַיָּה. ויש לדקדק מאי לֵאמֹר אֲלֵיהֶם.** - והנראה דהנה רש"י ז"ל כתב על פסוק (שמות ב, ז) הַאֵלֵךְ וְקָרָאתִי לָךְ אִשָּׁה מֵינֶקֶת מִן הָעִבְרִיֹּת, שהחזירתו על מצריות הרבה לינק, ולא ינק, לפי שהוא עתיד לדבר עם השכינה, לפיכך לא רצה לינק מטמא, משום שעתיד לנבא לישראל מפי השכינה. והרמב"ן הקדוש (בפרשתן יא, יג) כתב, מה שאסרה לנו התורה אלו הטמאים, משום שאלו מולידים טבע אכזריות בגוף האדם, וישראל עם קדוש צריכין להיות להם מדת החסד. ולעתיד לבוא עתיד הקב"ה לדבר עם כל איש מישראל, כמו שנאמר (יואל ג, א) וְנִבְּאוּ בְּנֵיכֶם וּבְנוֹתֵיכֶם, ונמצא כיון שהקב"ה ידבר עמהם ואיך שייך שהפה שאכל טמא ידבר עמו השכינה. וזהו הרמז וַיְדַבֵּר כו' לֵאמֹר אֲלֵיהֶם, הרמז שאני עתיד "לאמר אליהם", לכל אחד ואחד, ולכך לא יאכלו דבר טמא.

KolSatmar.com

נלמד ענין זה, דלפי שהיה עתיד לדבר עם השכינה, על כן היה נצרך להזהר מקטנותו שלא יינק משום דבר טמא. "ואומר" להם זֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ, שרק ע"ז זכה משה להיות "אומר" לישראל בנבואה פרשה זו, וכן כל הפרשיות].

**מד**

**ישוב קושיא ב**

אותה הבחינה הנרמז כאן שלעתיד יקויים וְנִבְּאוּ בְּנֵיכֶם וּבְנוֹתֵיכֶם, זה כבר נתקיים אז באהרן מיד שנתייחד אליו הדיבור

איבערדעם איז שוין רעכט [מה שאמרו] אז ס'איז **נתייחד הדיבור לאהרן**, [שהוא אותה מדריגה] דעס וואָס לעתיד וועט זיין [אצל כל אחד], דער "לֵאמֹר [אליהם]", [שלעתיד יתקיים] נִבְּאוּ בְּנֵיכֶם, און ביי **אהרן הכהן** איז שוין געווען דעמאָלט.

**מה**

ולכן כשנתייחד אליו הדיבור, השיג הבחינה דלעתיד, וגודל האור שישתלשל אז ע"י נדב ואביהוא שיכנסו לפינחס זה אליהו

ממילא האָט ער שוין געזען וואָס ס'וועט זיין לעתיד, האָט ער דאָך געזען וואָס ס'וועט אַרויסקומען דורך **נדב ואביהוא**, [אז] דעמאָלטס וועלן זיי דאָך זיין די מְבַשְּׂרִים, דורך **אליהו** וועט דאָך זיין, די אַתְחַלְתָּא דִגְאוּלָּה וועט דאָך זיין דורך אליהו'ן, [כדכתיב] (מלאכי ג) **הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה' הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא**, 'פאַר' די גאולה וועט קומען אליהו, 'דעס' [ביאת אליהו] איז די אַתְחַלְתָּא דִגְאוּלָּה.

ממילא וועט מען דאָך זען ווען ס'וועט קומען [שהוא גאולה אמיתית, ווייל] דאָס אַלעס וועט דאָך קומען דורך אֵלִיָּהוּ'ן.

און דאָס איז נדב ואביהוא [שנכנסו נשמתן לתוך פינחס, און] **פינחס זה אליהו**.

**מו**

ולכן שוב לא היה נתעצב אהרן, רק היה שָׂמֵחַ, כשנתייחד אליו הדיבור וראה שבניו הם ידועי המקום

ממילא אז ס'איז געווען "נתייחד הדיבור", דעס וואָס ס'וועט זיין 'לעתיד' ביים **כלל ישראל** איז 'שוין' געווען ביי **אהרן הכהן**, האָט ער דאָך שוין געזען דעס עתידות.

איבערדעם איז רעכט וואָס ס'איז געווען "שָׂמֵחַ".

קודם איז ער געווען נִתְעַצֵּב געווען, [אז] ס'האָט זיך דאָס געטראָפן מיתת נדב ואביהוא. אָבער אז ס'איז געווען **נתייחד הדיבור**, האָט ער דאָך שוין געזען דעם לֵאמֹר וואָס ס'וועט זיין לעתיד, האָט ער דאָך שוין געזען וואָס ס'וועט אַרויסקומען פון נדב ואביהוא, האָט ער זיך מיט זיי נאָך מְשַׂמֵּחַ געווען.

**מז**

איבערדעם איז רעכט, האָט דאָס אַ שייכות, ער איז געווען נִתְעַצֵּב פון [מיתת] נדב ואביהוא, און מיט דעם ייחוד הדיבור איז געווען דערנאָך שָׂמֵחַ, פון דעם האָט ער געזען פאַר וואָס ער איז אָנגעברייט [=אָנגעגרייט], צו ברענגען די בשורת הגאולה, [ולבשר] אז ס'וועט זיין יחוד הדיבור מיטן כלל ישראל.

**מח**

ומטעם זה הוצרך לומר "זֹאת" הַחַיָּה, שהגיד לו בראיה של תפיסת כל מין, ולא בדיבור

איבערדעם זאָגט מען זֹאת הַחַיָּה, איבערדעם האָט מען געמוזט זאָגן 'שוין' "זֹאת" הַחַיָּה", וואָרן ס'וועט זיין לעתיד אַסאַך שינויים, [ועל כן] דאָס קאָן מען נאָר ווייזן, אַזעלעכע שינויים וואָס מ'קאָן נישט אַזוי מְגַלֶּה זיין נאָך היצטערט, [כי ענין הגאולה הוא] לִיבָּא לְפוּמָא לָא גַּלְיָא, [וכמו שכתב הישמח משה[כא] דהכוונה שמגלין זאת נאָר] פאַר

---

[כא] **בישמח משה** (ריש פרשת מקץ): והנראה לי בזה על פי מ"ש בפרשת פנחס על הפסוק (ישעיה סג, ד) כִּי יוֹם נָקָם

KolSatmar.com

די צדיקים וואָס זענען בחינת לִיבָּא, און נישט [לצדיקים שהם] בחינת פּוּמָא, אַזוי ווי ס׳שטייט אין **זוהר הקדוש** (בתיקונים, דף נ:) [דליבא לפומא לא גליא].

איבערדעם בדיבור האָט מען דאָס נישט געקענט מְגַלֶּה זיין, נאָר וואָס׳זשע דען, נאָר **זֹאת הַחַיָּה**, תפס הקדוש ברוך הוא מכל מין ומין.

[און] אַזוי איז ביי די שֶׁמֶשׁ וְיָרֵחַ, [און] דאָס איז געווען **וַיִּדֹּם אַהֲרֹן**.

**מט**

ונמצא דשפיר מקושר כל הענין עם נחמת אהרן, ולכן נתייחד אליו הדיבור דייקא בפרשת זֹאת הַחַיָּה

איבערדעם, דאָס איז די זעלבע זאַך, איבערדעם האָט דאָס אַ שייכות, איבערדעם איז דאָס מקושר.

דאָס איז געווען די נֶחָמָה פּאַר אהרן הכהן, וואָס ער האָט געזען דעם השתלשלות הגאולה וואָס ס׳וועט זיך אָנהייבן דורך אליהו׳ן וואָס וועט מְבַשֵּׂר זיין בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת, [וכמו שמתפללים בברכת המזון] הָרַחֲמָן הוּא יִשְׁלַח לָנוּ אֶת אֵלִיָּהוּ [הַנָּבִיא זָכוּר לַטּוֹב] וִיבַשֶּׂר לָנוּ בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת.

האָט ער [אהרן] דאָס שוין געזען, מיט דעם וואָס ס׳איז געווען היצט נתייחד הדיבור, דעס וואָס ס׳וועט זיין ״לֵאמֹר״, איז געווען ׳שוין׳ [אצלו] **וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל מֹשֶׁה ״וְאֶל אַהֲרֹן״**, דער בורא כל עולמים האָט אים מתייחד געווען, האָט דאָס אַ קישור, [ווייל] ער האָט זיך אויף דעם מְשַׂמֵּחַ געווען.

**נ**

## סיום התורה - וברכת הקודש

**׳דאָס׳ איז די שמחת כל ישראל, די גאַנצע נֶחָמָה וואָס מ׳האָפט אויף דעם.**

**נישטאָ קיין אַנדערער חיזוק.**

און בפרט נאָך, אין דעם כובד הגלות בעיקבא דמשיחא, איז גאָרנישט דאָ קיין אַנדערער חיזוק, [נאָר אַז] **אידן זענען זיך מְחַזֵּק מיט דער אֱמוּנָה שְׁלֵימָה, און מ׳האָפט במהרה אויף די גאולה העתידה.**

[און דעמאָלטס] **וועט מען זוכה זיין צו דעם יִחוּד הַדִּבּוּר וואָס ס׳שטייט דאָ אין די וואָכעדיגע סדרה, וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן ״לֵאמֹר** [אֲלֵיהֶם]**״, אַזוי ווי דער קדושת לוי זאָגט.**

און דאָס וועט קומען טאַקע דורך **נדב ואביהוא**, און דורך **אליהו**, [הוּא יִשְׁלַח לָנוּ אֶת אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָכוּר לַטּוֹב] **וִיבַשֶּׂר לָנוּ בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת.**

מ׳זאָל מיר במהרה זוכה זיין צו זען און צו הערן די ישועה שלימה, בהתרוממות קרן התורה וישראל, ובהתגלות כבוד שמים עלינו, במהרה בימינו אמן.

---

בְּלִבִּי וּשְׁנַת גְּאוּלַי בָּאָה. ושורש הדברים, כי אין ישראל נגאלין אלא בתשובה (סנהדרין צז.), והנה בְּעִתּוֹ היא העת שהשי״ת יודע שישובו כולם, כי הכל צפוי והרשות נתונה (אבות ג, טו), והידיעה אינו מכריח, ולכך קץ הד׳ מכל עין נסתר, כי אם היה נגלה לנביא, כבר היה התשובה בהכרח, וההכרח לא ישובח, ולא היה התשובה ההיא גורם הגאולה. **רק הצדיקים שבלבא תליין יכולין לידע**, כמו שפירשתי במדרש (קהלת רבה י, יד) כתבתי עליך שחכם אתה ואתה מבקש לכנס לארץ. וכבר נודע (זוהר ח״א כא:) כי יעקב ומשה כחדא אזלין, ועל כן השיג יעקב וידע זמן הקץ. - **ועוד שם** (בהפטרת פרשת נצבים): כִּי יוֹם נָקָם בְּלִבִּי וּשְׁנַת גְּאוּלַי בָּאָה. נראה לי לפרש כי דרשו חז״ל (סנהדרין צט.) ללבי גליתי לאברי לא גליתי, דלבא לפומא לא גליא (תיקוני זוהר נ:), **רק אותן צדיקים דבלבא תלין**. [ועיי״ש עוד באורך].

KolSatmar.com